**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/6/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו באשיצן עלטערע מענטשן פון שווינדלערישע באניץ פון פערזענליכע אינפארמאציע**

***לעגיסלאציע (S.1560/A.1994) טוט איינגלידערן אידענטיטעט ארויס׳גנב׳ענען אין דער באדייט פון עלטערע מענטשן בא׳עוולה׳ן פאר די צוועקן פון שטיצע סערוויסעס און פראגראמען פאר עלטערע מענטשן***

גאווערנער קעטי האקול האט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (S.1560/A.1994) אלס געזעץ צו באשיצן סיניאָרס פון שווינדלערישע באניץ פון פערזענליכע אינפארמאציע דורך אויטאריזירן שטיצע סערוויסעס פאר אידענטיטעט גניבה דורך נאָנפראָפיט אגענטורן און געזעץ אינפארסירונג. די לעגיסלאציע ערמעגליכט פאר דעם אפיס פאר פארעלטערנדע און געזעץ אינפארסירער צו אנערקענען אידענטיטעט גניבה אלס איינע פון די פילע פארעמען פון עלטערע מענטשן בא׳עוולה׳ן און נעמען פאסיגע שריטן צו העלפן סיניאָרס.

"דער פאקט אז עלטערע ניו יארקער זענען אפטמאל די ציל פון אידענטיטעט גניבה איז נישט משיג צו זיין," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר דארפן ווייטער אונטערהייבן באשיצונגען פאר אונזער פארעלטערנדע טיילן פון דער באפעלקערונג, און די לעגיסלאציע איז א איינפאכע, פשוט-שכל׳דיגע אופן זיי צו האלטן אפגעהיטן פון שעדליכע מעטאדן פון עלטערע מענטשן בא׳עוולה׳ן. עלטערע ניו יארקער זענען אונז שטענדיג געשטאנען צו הילף, און אלס דעם לאנד׳ס ערשטע עלטער-גינציגע סטעיט בין איך שטאלץ אז ניו יארק זעצט פאר ווייטער צו פירן דעם וועג זיי צו שטיין צו הילף אויף צוריק."

דער נייער געזעץ גיבט צו א באדייט פון "עלטערע מענטשן בא׳עוולה׳ן און אויסנאַרען" צו די עלטערע מענטשן געזעץ און טוט איינקערפערן אידענטיטעט גניבה אין דער ליסטע פון בארעכטיגטע שטיצע סערוויסעס דורך דער נאטורליך-פארקומענדע רעטייערמענט קאמיוניטיס (NORC) פראגראמען. דער געזעץ טוט אויך ענדערן טייל 214-c פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ צו ערמעגליכן אז אידענטיטעט גניבה זאל זיין איינע פון די פילע פארעמס פון עלטערע מענטשן בא׳עוולה׳ן וואס דער אפיס פאר פארעלטערטע און געזעץ אינפארסירער אדרעסירן אין זייער בילדונגס מאטעריאלן פאר פאליצי אפיצירן׳ס באניץ ווען מען באגעגנט אזעלכע בא׳עוולה׳ן.

דער אומגעזעצליכער באניץ פון א יחיד׳ס פערזענליכע אידענטיפיקאציע אינפארמאציע ווי צ.ב.ש. סאָושעל סעקיוריטי נומער, דרייווער׳ס לייסענס אינפארמאציע, אדער באנק און קרעדיט קארטל אקאונט קען רעזולטירן אין געפערליכע קאנסעקווענצן וואס קען אנהאלטן אויף יארן. אין איר ערגסטע פארעם קען עס איבערלאזן דעם עלטערן קרבן באנקראט און אן קיין שום פארמעגנס אין זייער רעטייערמענט.

כאָטש עלטערע מענטשן זענען נישט די אויסשליסליכע קרבנות פון אידענטיטעט גניבה, קענען זיי אבער זיין ספעציעל אומבאשיצט צו ווערן פארשווינדלט, וויבאלד זיי דארפן אפטמאל מיטטיילן זייערע פערזענליכע אינפארמאציע מיט אויפפאסער, מעדיצינישע פראָווייידערס אפיסעס, רעגירונג אגענטורן און

איבער דער אינטערנעט. די ווירקונג פון אידענטיטעט גניבה קען אנמאכן חורבנות פאר עלטערע קרבנות וואס זענען אומפעאיג צוריקצושאפן געגנבעטע געלטער דורך באשעפטיגונג. דער געזעץ, די פארעלטערנדע שטיצע סערוויסעס גרופע, און געזעץ אינפארסירונג מאנשאפטן וועלן קענען ניצן הילפס-מיטלען פאראן צו העלפן עלטערע מענטשן, די העכסט-וואקסנדע טייל פון אונזער באפעלקערונג, פון אידענטיטעט גניבה אין אירע פילע פארעמען.

**סטעיט סענאטאר רעיטשעל מעי האט געזאגט,** "יעדעס יאר פאלן עלטערע מענטשן אין ניו יארק אלס קרבנות צו אידענטיטעט גניבה אזוי ווי שווינדלער ווערן מער און מער איינפעליג און אגרעסיוו. די איינפאכע ענדערונג צו אונזערע געזעצן וועט אויפעפענען סטעיט שטיצע-מיטלען פאר מענטשן וואס באקעמפען דעם געפערליכן פארברעך. איך דאנק גאווערנער האקול פאר׳ן אונטערשרייבן דעם ביל היינט צו פארזיכערן אז סיניאָרס האבן מער באשיצונג קעגן באַ׳עוולה׳ן."

**אסעמבלי-מיטגליד קאטאלינע קרוז האט געזאגט,** "מיט איבער 10,000 אמעריקאנע וואס ווערן 65 יעדן טאג אין די פאראייניגטע שטאטן און מיט איבער צוויי מיליאן ניו יארקער איצט ביי אדער העכער יענעם עלטער, האט דער סטעיט לעגיסלאטור גענומען שריטן צו באזארגן די מאקסימום באשיצונגען קעגן אידענטיטעט גניבה דורך ארייננרעכענען דעם פארברעך אין די געזעצן וועלכע באשיצן אונזערע עלטערע בירגער. לויט 2019 דאטע פון דער פעדעראלער האנדלס קאמיסיע, ראנקירט ניו יארק סטעיט 12׳ט אין דעם לאנד אין פעלער פון אידענטיטעט גניבה מיט איבער 186 קלאגעס פער 100,000 ניו יארקער. דאס באדייט אז אין 2019 אליין האבן איבער 36,000 פון אונזערע מיט-בירגער געהאט זייער אידענטיטעט ארויסגעגנבעט, און פילע פון די זענען עלטערע מענטשן. איך בין שטאלץ צו האבן געארבעט אויף דער נושא אינאיינעם מיט מיין סענאט קאלעגע רעיטשעל מעי, און איך דאנק גאווערנער האקול פאר׳ן אונטערשרייבן מיין לעגיסלאציע אלס געזעץ."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן